**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/22/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט 387 מיליאן דאלער אין קאָוויד-19 פארלייכטערונג ווערט געליפערט צו ארטיגע רעגירונגען**

***'אַמעריקען רעסקיו פלען' אקט וועט שטיצן 1,452 ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן לענגאויס ניו יארק סטעיט***

***אריינרעכענען אייניגע אויסטיילונג אין 2021, וועלן באצאלונגען צו ארטיגע רעגירונגען זיין אין סה"כ 774 מיליאן דאלער***

***טייל פון סטעיט'ס [אנגייענדע פארברייטערונג באמיאונגען] צו אדרעסירן פאטענציעלע אויפשטייג אין פעלער דעם הערבסט און באשיצן פובליק געזונטהייט***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז 387 מיליאן דאלער ווערט געליפערט צו 1,452 ארטיגע רעגירונגען לענגאויס ניו יארק סטעיט אויף צו העלפן אונטערהייבן זייער פאנדעמיע אפרוף אינפראסטרוקטור. די אויסמעלדונג איז טייל פון די סטעיט'ס [אנגייענדע גרייטקייט באמיאונגען] צו לייזן סיי וואספארא פאנדעמיע-פארבינדענע אנפלייצן דעם הערבסט און ווינטער. די פינאנציעלע שטיצע ווערט ערמעגליכט דורך דעם קאראנאווירוס ארטיגע פינאנציעלע ערהוילונג פאָנד, טייל פון 'אַמעריקען רעסקיו פלען' אקט, וועלכס פארזארגט פארלייכטערונג פאר קלענערע ארטיגע רעגירונגען וועלכע האט מיטגעטיילט אין דעם פובליק געזונטהייט אפרוף.

"מיר האבן געקענט ווייטער אנגיין זיכערערהייט דורך דער פאנדעמיע צוליב דעם וואס אונזערע נאענטע קאארדינאציע מיט שותפים ביי יעדן שטאפל פון ארטיגע רעגירונגשאפט," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "איך וויל דאנקען סענאטארן שומער און דזשיליברענד און אונזער קאנגרעסיאנעלע דעלעגאציע פאר זייער הילף אין איינשאפן די קריטיש-וויכטיגע פינאנצירונג , וואס וועט העלפן שטעט, טאונס און ווילעדזשעס לענגאויס ניו יארק סטעיט זיך אפצורופן צו פאנדעמיע-פארבינדענע געברויכן און ליפערן נייטיגע סערוויסעס. אזוי ווי מיר רופן זיך אפ צו נייע וואריאנטן און פלאנירן אויף סיי וועלכע פאטענציעלע אנפלייצן דעם הערבסט, איז דאס ווידער א טריט וואס מיר נעמען אויף אונטערצוהייבן אונזערע צוגרייטונג ארבעט און מיר וועלן פארזעצן ווייטער ארבעטן מיט ארטיגע צוזאמארבעטער צו האלטן ניו יארק אפגעהיטן."

דער 'אַמעריקען רעסקיו פלען' אקט (ARPA) פארזארגט 350 ביליאן דאלער פאר בארעכטיגטע סטעיט, ארטיגע, שטחים'דיגע און אינדיאנער-שבטים'דיגע רעגירונג אינסטאנצן זיך אפצורופן צו דער קאָוויד-19 עמערדזשענסי, אריינגערעכנט 10.7 ביליאן דאלער אין פארלייכטערונג פאר ניו יארק סטעיט'ס ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן.

טראַצדעם וואס גרעסערע מוניציפּאַליטעטן האבן באקומען זייער פינאנצירונג דירעקט פון די יו-עס טרעזשורי דעפּאַרטמענט, איז דער סטעיט דאך פאַראַנטוואָרטליך פאר אויסטיילן באשטימונגען אויף א פער-קאפּיטא באזיס צו נישט-באַרעכטיגטע איינהייטן פון רעגירונג (NEU׳ס) — שטעט, טאונס און ווילעדזשעס וואס האבן נישט באקומען א דירעקטע באצאלונג.

אין יולי און אויגוסט 2021, איז 387.1 מיליאן דאלער אויסגעטיילט געווארן צו איבער 1,450 אָרטיגע רעגירונגען. מוניציפּאַליטעטן האבן באקומען אדער קענען ערוואַרטן אן אייניגע סומע אין א צווייטע באצאלונג, און מיט דעם וועט זיך ענדיגן דער סטעיט׳ס פאַראַנטוואָרטליכקייט פאר דיסטריביוּשען.

**סענאַטאָר טשאַק שומער האט געזאגט,** ״נאכ׳ן באקעמפן דער פאנדעמיע אויף די פראַנט-ליניעס, האבן ניו יארקער קאונטיס, טאונס און ווילעדזשעס דייטליך ארויסגעזאגט: זיי האבן זיך גענייטיגט אין הילף און שטארקע פעדעראלע פינאנצירונג אויף צו פארשטערקערן פובליק געזונטהייט, האלטן פראַנט-ליניע ארבעטער אויפ׳ן דזשאָב, אפהאלטן דאס ברוטאַליש איבעררייסן סערוויס, און מאכן לאנג העכסטצייטיגע אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטור אויף אונטערצוציענדן זייער ערהוילונג. אלס מאיאריטעט פירער, בין איך שטאלץ געווען צו מאכן סטעיט און אָרטיגע פינאנצירונג מיין הויפּט ציל אין דעם ׳אַמעריקען רעסקיו פּלען׳, און איצט וועט נאך 380 מיליאן דאלער פון וואויל-פארדינטע פארלייכטערונג פליסן צו אָרטיגע ניו יארקער רעגירונגען צו שאפן און אפהיטן גוט-באצאלטע דזשאָבס, פארריכטן אונזער וואסער אינפראסטרוקטור, אריינבלאזן נייע חיות אין אונזערע מעין סטריטס, און העלפן אונזערע קאמיוניטיס זיך איבערבויען שטערקער ווי פריער.״

**קאנגרעסמאן דזשעראלד נאדלער האט געזאגט,** ״אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער די ארבעט בשעת עס האלט נאך אן דער פאנדעמיע, איז וויכטיגער ווי אלעמאל אז מיר זאלן ווייטער צושטעלן גענוג פארלייכטערונג צו אָרטיגע רעגירונג אינסטאנצן. די העכסט-נויטיגע פינאנצירונג איז ערמעגליכט געווארן דורך דעם ׳אַמעריקען רעסקיו פּלען׳ אקט און איך בין שטאלץ צו האבן געהאט א חלק אין דורכפירן יענע ביל. די 387 מיליאן דאלער וואס וועט אויסגעטיילט ווערן צו רעגירונג אינסטאנצן לענגאויס ניו יארק וועט גיין א ווייטן וועג צו פארבעסערן פובליק געזונטהייט און נאך פיל מער. גאווערנער האָקול זעצט פאר ווייטער צו זיין אן אומגעהויער ווערדפולער צוזאמארבעטער און איך קוק ארויס פארצוזעצן ווייטער די ארבעט מיט איר אינאיינעם פאר׳ן גוטס פון אלע ניו יארקער.״

**קאנגרעסמאן קעראלין מאלאני האט געזאגט,** ״קאָוויד-19 האט אנגעמאכט חורבנות פאר ניו יארקער פאמיליעס און קאמיוניטיס,״ האט געזאגט קאנגרעספרוי מעלאני. ״אלס פארזיצערין פון דער האָוז פון רעפרעזענטעטיווס קאמיטע אויף אויפזיכט און רעפארעם, בין איך אחראי געווען אויף צו שאפן דעם טייל פון דעם ׳אַמעריקען רעסקיו פּלען׳ אקט וואס פארזיכערט אז שטעט, סטעיטס, שבטים און שטחים באקומען אלע זייער יושר׳דיגער טייל פון די פינאנצירונג, אריינגערעכנט צענדליגע ביליאנען פאר ניו יארק סטעיט און שטאט אונז צו העלפן זיך איבערצובויען אויף בעסער. איך אפלאדיר גאווערנער האָקול פאר ברענגען די געלטער צו די אָרטיגע רעגירונג אינסטאנצן וועלכע נייטיגן זיך אין זיי דאס מערסטע און שטיצן א יושר׳דיגע ערהוילונג פאר אונזערע שווערסט-באטראפענע קאמיוניטיס.״

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** ״מיר האבן געקעמפט אויף אריינצורעכנען אָרטיגע פינאנצירונג אין דעם ׳אַמעריקען רעסקיו פּלען׳ אויף זיכער צו מאכן אז די פארלייכטערונג גרייכט ביז אריין אין די געגנטער וואו מען נייטיגט זיך דערין דאס מערסטע. די לעצטע באצאלונג וועט ליפערן איבער 24.4 מיליאן דאלער אין פעדעראלע הילפס-מיטלען צו קלענערע שטעט, טאונס און ווילעדזשעס אין ערי און ניאגארא קאונטיס.״

**קאנגרעסמאן פאול טאנקא האט געזאגט,** ״ווען קאָוויד-19 האט זיך אנגעשטויסן, האט קאנגרעס גענומען געשווינדע שריטן צו פארזארגן דירעקטע הילף צו אמעריקאנער און זייערע קאמיוניטיס דורך

דעם ׳אַמעריקען רעסקיו פּלען׳ אקט,״ האט געזאגט קאנגרעסמאן פאול טאנקא. ״איך בין שטאלץ געווען צו שטיצן די לעגיסלאציע וואס האט פארזארגט א העכסט-נייטיגע לעבנס-מיטל פאר יחידים, פאמיליעס און קלענערע ביזנעסער, און איך בין באגייסטערט איצט צו זען אז עס באצאלט רווחים אט דאהי אין דעם קאפיטאל ראיאן. מיין דאנקבארקייט גייט צו אלע וועמענס צוזאמארבעט מאכט זיכער אז אונזערע קאמיוניטיס באקומען די פארלייכטערונג און שטיצע וואס זיי נייטיגן.״

**קאנגרעסמאן גרעגארי וו. מיקס האט געזאגט,** ״איך בין שטאלץ צו האבן געשטימט פאר דעם היסטארישן ׳אַמעריקען רעסקיו פּלען׳ אקט, וואס פארזארגט פארלייכטערונג צו אָרטיגע רעגירונג אינסטאנצן לענגאויס דעם לאנד. ניו יארק סיטי, וואס איז אמאל געווען דעם עפּיצענטער פאר קאָוויד-19, זעצט פאר ווייטער זיך איבערצובויען פון די עקאנאמישע ווירקונגען פון דער פאנדעמיע. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול פאר אויסטיילן די העכסט-נויטיגע פארלייכטערונג צו אָרטיגע רעגירונגס אינסטאנצן לענגאויס דעם סטעיט.״

**קאנגרעסמאן שאן פעטריק מעלאני האט געזאגט,** ״טראָצדעם וואס מיר זענען געקומען א ווייטן וועג זינט די אנהייב טעג פון 2020, זענען נאך פילע פון אונזערע קאמיוניטיס און אָרטיגע רעגירונג אינסטאנצן נאך אלץ אויפ׳ן וועג צו ערהוילונג און וועלן אומגעהויער געניסן פון דעם צווייטן חלק פעדעראלע שטיצע. איך בין שטאלץ צו האבן געהאלפן ברענגען די קריטיש-וויכטיגע פינאנצירונג אהיים וואס וועט געניצט ווערן אויף צו פארברייטערן צוטריט צו אויפפירעכטס-געזונטהייט, אינוועסטירן אין ריינע וואסער, סוער און בראָדבענד אינפראסטרוקטור, און שטיצן קלענערע ביזנעסער וועלכע האבן פארלוירן איינקונפט דורכאויס דעם פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי.״

**קאנגרעסמאן קאטלין רייס האט געזאגט,** ״איך בין שטאלץ געווען צו שטימען פאר׳ן ׳אַמעריקען רעסקיו פּלען׳ אקט. דער צווייטער חלק פון פארלייכטערונג געלטער וועלן העלפן אָרטיגע ווילעדזשעס, טאונס און שטעט נעמען נאך א שריט צו פינאנציעלע ערהוילונג. די געלטער וועלן ערמעגליכן פאר אונזערע אָרטיגע רעגירונגען צוצושטעלן פרעמיום באצאלונג צו נייטיגע ארבעטער, אנפילן איינקונפט חסרונות פאראורזאכט דורך דער פאנדעמיע, פארשטערקערן פאנדעמיע לינדערונג פלענער און אונטערהייבן פובליק אינפראסטרוקטור דורך אינוועסטירן אין טרונק-וואסער, מיסט-וואסער, און שטורעם-וואסער פראיעקטן.״

**קאנגרעסמאן ריטשי טארעס האט געזאגט,** ״די געלטער פון דעם ׳אַמעריקען רעסקיו פּלען׳ וועלן זיין א דירעקטער טובה פאר די לעבנס פון ניו יארקער איבער׳ן סטעיט. דער ׳אַמעריקען רעסקיו פּלען׳ גיבט סטעיטס די געלעגנהייט צו שטיצן נייטיגע ארבעטער מיט דער באצאלונג וואס זיי האבן זיך ערליך פארדינט און גלייכצייטיג אינוועסטירן אין פובליק געזונטהייט, קלענערע ביזנעסער, און אינפראסטרוקטור. דאס קומט אין א קריטישע צייט, אזוי ווי אָרטיגע מוניציפאליטעט בודזשעטן זענען אויסגעליידיגט געווארן נאך דער פאנדעמיע. א דאנק אייך גאווערנער האוקול פאר׳ן זיכער מאכן אז דאס אויסטיילן די געלטער צו מוניציפאליטעטן לענגאויס דעם סטעיט איז א הויפּט-וויכטיגע ציל.״

די פעדעראלע אנווייזונגען ערמעגליכן פאר ניו יארק׳ס שטעט, טאונס און ווילעדזשעס וועלכע באקומען ARPA געלטער צו ניצן די הילף פאר צוועקן וועלכע רעכענען אריין, אבער נישט אויסשליסליך:

- שטיצן פובליק געזונטהייט אויסגאבן. צום ביישפיל, געלטער קענען געניצט ווערן פאר קאָוויד-19 לינדערונג באמיאונגען, מעדיצינישע אויסגאבן, אויפפירעכטס-געזונטהייט, און געוויסע פובליק געזונטהייט און זיכערהייט שטאב;
- אדרעסירן נעגאטיווע עקאנאמישע ווירקונגען פאראורזאכט דורך דער פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי; דאס נעמט אריין עקאנאמישע שאדן צו ארבעטער, הויזגעזינדער, קלענערע ביזנעסער, באטראפענע אינדוסטריעס און דעם פובליק סעקטאר;

- ערזעצן פארלוירענע איינקונפט. געלטער קענען געניצט ווערן צו פארזארגן רעגירונג סערוויסעס אויף אזויפיל ווי עס איז רעדוצירט געווארן די איינקונפט צוליב דער פאנדעמיע;
- פארזארגן פרעמיום באצאלונג פאר נייטיגע ארבעטער. נאך שטיצע קען אנגעבאטן ווערן פאר די וועלכע האבן געטראגן און וועלן ווייטער טראגן די גרעסטע געזונטהייט ריזיקעס צוליב זייער סערוויס אין קריטישע סעקטארן; און
- אינוועסטירן אין וואסער, סוער און בראָודבענד אינפראסטרוקטור. געלטער קענען געניצט ווערן צו מאכן נייטיגע אינוועסטירונגען צו פארבעסערן צוטריט צו ריינע טרונק-וואסער, שטיצן נייטיגע מיסט-וואסער און שטורעם-וואסער אינפראסטרוקטור, און צו פארברייטערן צוטריט צו בראודבענד אינטערנעט.

די סומע וואס ווערט געשיקט צו יעדע אן-בארעכטיגקייט ארטיגע רעגירונג, ווי אויך זייער סה״כ באשטימטע סכום וואס רעכנט אריין דעם זומער 2021 באצאלונג, קען מען געפונען אויף דעם [אפטיילונג פון דעם בודזשעט וועבזייטל](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן